**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט טימאטי האוגס וועט נאמינירט ווערן אלס קאמיסיאנער און פרעזידענט פון די סטעיט ציווילע סערוויס קאמיסיע**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז טימאטי האוגס וועט נאמינירט ווערן אלס קאמיסיאנער און פרעזידענט פון די סטעיט ציווילע סערוויס קאמיסיאנער און פרעזידענט פון די סטעיט ציווילע סערוויס קאמיסיע.

״פאר ניו יארק׳ס אויסגעצייכנטע ציווילע באאמטע קומט זיך פירערשאפט וואס איז אייניג קוואליפיצירט און איבערגעגעבן צו די ארבעט פון די סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיט זיין רייכע ערפארונג און ברען פאר פובליק סערוויס, וועט טימאטי האוגס זיין אן אויסערגעווענטליכע פירער פאר דער קאמיסיע, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אים אינאיינעם בשעת מיר זעצן פאר ווייטער צו לייזן די סטעיט׳ס מערסט-דרינגענדע שוועריגקייטן און ליפערן רעזולטאטן פאר ניו יארקער.״

**טימאטי האוגס** האט צום לעצט געדינט אלס א פערסאנאל קאמיסיאנער פאר ערי קאונטי וואו ער איז געווען פאראנטווארטליך פאר אויפזען סערוויסעס צוגעשטעלט פאר איבער 130 באשטימער באאמטע און אומגעפער 24,000 ארבעטער איבער׳ן גאנצן קאונטי דורך דאס איינפירן און אויסהאלטן סערוויסעס וועלכע שטיצן און פארמיטלען דאס רעקרוטירן, אויסקלויבן, אויפנעמען, אנטוויקלען און אנהאלטן ארטיגע רעגירונג און סקול דיסטריקט ארבעטער אין איינקלאנג מיט ציווילע סערוויס געזעצן און רעגולאציעס. מר. האוגס האט אנגעהויבן זיין ראלע נאכ׳ן באשטימט ווערן דורך ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנצארז אין 2019.

פריער האט מר. האוגס געדינט אלס קאמיסיאנער פאר דער ערי קאונטי דעפארטמענט פון סיניאָר סערוויסעס וואו, אונטער זיין פירערשאפט האט דער דעפארטמענט געקענט פארבעסערן די געמיינזאמע מאלצייטן און פארברייטערן נישט-טראדיציאנעלע מאלצייט אפציעס פאר טויזנטער עלטערע מענטשן לענגאויס ערי קאונטי וועלכע פארלאזן זיך אויף דעם דיינינג פראגראם נאכצוקומען זייערע ערנערונג געברויכן. אין צוגאב צו זיין געטרייע רעגירונג סערוויס, האט מר. האוגס געארבעט אלס אן אפעראציע פארוואלטער ביי פריוואטע פירמעס אין דעם באפעלאו געגנט זיי צו העלפן פארבעסערן זייער אונטערשטע שורה דורך אויסניצן זיינע פראבלעם לייזונג פעאיגקייטן וואס ער האט זיך געלערנט אנהויב אין זיין פירערשאפט קאריערע ווי אויך זיינע פעאיגקייטן צו קאמוניקירן מיט מענטשן אויף יעדן שטאפל פון אן ארגאניזאציע. איבער זיין פארוואלטונג ערפארונג, האט ער געדינט אין דעם ערי קאונטי לעגיסלאטור (2012-13). מר. האוגס האט סערווירט אויף עטליכע קאמיוניטי באורדס לענגאויס דעם באפעלאו געגנט און ער איז א שטאלצע גראדואירטער פון אוניווערסיטעט פון באפעלאו וואו ער האט גראדואירט מיט א באקאלאווראט אין ביזנעס אדמיניסטראציע און פארוואלטונג.

די ניו יארק סטעיט ציווילע סערוויס קאמיסיע פירט איין און ענדערט פאראדנונגען גילטיג אויף א ברייטע ריי סטעיט ציווילע סערוויס ענינים. די פאראדנונגען זענען אונטערגעווארפן די גוטהייסונג פון דער

גאווערנער און האט די מאכט און ווירקונג פון געזעץ. די קאמיסיע הערט אויך און טוט ענטשיידן אפיעלס אויף פארשידענע נושאים ווי למשל אונטערזוכונג קוואליפיקאציעס, אונטערזוכונג שאצונגען, פאזיציע קוואליפיצירונג, באצאל גראד ענטשיידונגען, דיסציפלין אקציעס, דאס באניץ פון פרעפערירטע ליסטעס און פארלאנגען פארצוזעצן די באשעפטיגונג פון יחידים וועלכע זענען רעטייערט. אין צוגאב אינספעקטירט און טוט אויפזען די אפעראציעס פון מוניציפאלע ציווילע סערוויס קאמיסיעס און שטאט און קאונטי פערסאנאל באאמטע. די קאמיסיע באשטייט פון דריי מיטגלידער: דער פרעזידענט פון דער קאמיסיע, וועלכער איז אויך די הויפט פונ׳ם דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס, און צוויי קאמיסיאנערן. לויט׳ן געזעץ, קענען נישט מער ווי צוויי פון די דריי זיין מיטגלידער אין דעם זעלבן פאליטישן פארטיי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418